בס"ד

# גילוי דעת!

אידישער גאס א פאשקוויל אויף וועלכן עס איז אונטערגעשריבן די "קהילת לב טהור", פול מיט נארישקייטן און דברי הבל, ווי אויך אויסטראכטעניש, שקרים וכזבים, אויף א גראבן און שענדליכן אופן קעגן אנשי שלומינו, און באזונדערס קעגן אונזער גרויסן רבי'ן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א און זיינע זיהן הרבנים שליט"א, מיט איין-איינציקן ציל, אוועקצוקערן די עפענטליכע מיינונג פון זייערע שענדליכע מעשים וואס זענען לעצטנס באקאנט געווארן, און צו ווייזן א פנים פון תמימים וואס ווערן נעבעך גע'רודפ'ט, און זיי מיינען אז דער עולם וועט זיך צוהערן צו זייערע נאַרישע טענות.

אונזער שטייגער איז פון אייביג אָן צו זיין פון די "נעלבים ואינם עולבים". איצט האָב מיר אָבער געזען אַלס חוב, וויסנדיג די איינצעלהייטן פון דער נאָענט, מקיים צו זיין דעם פסוק "והייתם נקיים מה' ומישראל", און כדי מענטשן זאָלן נישט זאגן אז "מדשתקי שמע מינה דניחא להו", און עס וועט ארויסקומען א חילול השם ח"ו. צוליב דעם האָבן מיר באַשלאָסן אַראפצושרייבן בקיצור נמרץ די השתלשלות פון די געשעענישן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז געקומען קיין אַמעריקע אַ איד מיטן נאָמען הרב שלמה העלבראנץ נ"י, און דאָ געגרינדעט אַ נייעם מוסד מיט'ן נאָמען "קהילת לב טהור". אויבנאויף האָט עס אויסגעזען, אַז עס איז אַ קהילה ווי אַלע היימישע קהילות, וואָס פירט זיך כדת וכדין מיט אַלעמען, און אדרבה, זיי זענען גאָר אויסערגעווענליכע עובדי השם ביתר שאת ויתר עוז.

נאָך אַ קורצע צייט פון זייער אַריבערציען זיך דאָ אַהער, איז געשען די באַקאַנטע פאַסירונג מיט'ן קינד וואָס איז פאַרשוואונדן ווען ער איז געווען אונטער'ן רשות פון ר' שלמה העלבראַנץ, **און מ'האָט אַרעסטירט דעם רב פון קהילת "לב טהור" אין תפיסה**

אין יענע תקופה, ווען עס איז כמעט נישט געווען קיין איין רב אדער עסקן וואָס זאָל אים אַרויסהעלפן, איז כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אַרויסגעקומען און געשטאנען ביי זיין רעכטע האַנט מיט אַלע ענינים, העלפנדיג אים מיט אַלעס מעגליכעס, און איינער פונעם רבינ'ס מקורבים האָט בייגעשטייערט נישט ווייניגער ווי 000,001 דאָלאַר

אזוי ווי עס איז לעצטענס פארשפרייט געווארן אויף דער פאַרן "בעיל" צו באַפרייען הרב העלבראנץ פון תפיסה כאטש ביזן משפט )טראָץ דעם וואָס באמת איז דעתו הקדושה פון מרן שליט"א געווען אַז הרב העלבראַנץ דאַרף באַלד צוריקקערן דאָס קינד צו זיין מוטער, צוליב די מעגליכקייט אז מ'וועט ח"ו אַרעסטירן מערערע מענטשן, און צוליב נאָך טעמים, און אַזוי האָבן אויך געהאַלטן אַלע רבנים וואָס זענען געווען ביי די אסיפה וואָס איז דעמאלס אפגעהאַלטן געוואָרן, און כ"ק אדמו"ר שליט"א האָט דאַן בפירוש אויסגעדריקט זיין מיינונג פאַר הרב העלבראַנץ, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צום רבינ'ס עצות און תחנונים, און עס האָט אים דערנאָך טייער געקאָסט, כידוע(.

לעצטענס זענען געקומען צום רבי'ן שליט"א פילע אנשים נאמנים און געזאָגט עדות פאַר'ן רבי'ן אַז הרב העלבראנץ פירט זיין עדה אויף פרעמדע וועגן, אַזעלכע וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט פון אַזוינס, נישט ביי אונזערע עלטערן און רביי'ס, און זיי האָבן איבערגעגעבן איינצלהייטן פון שרעקליכע געשיכטעס מיט צענדליגער מענטשן, צווישן זיי פון עלטערן וואָס שרייען געוואַלד אויף זייערע קינדער וואָס זענען פון זיי צוגענומען געוואָרן דורך הרב העלבראַנץ און זיין חבריא.

מ'האָט אויך דערציילט פאַר כ"ק אדמו"ר שליט"א וועגן אַ סאך פארפעלקער וואָס האָבן זיך ליידער געשיידט צוליב זיין השפעה אויף זיי, און אַזוי זענען צעבראָכן געוואָרן אַזוי פיל אידישע משפחות רח"ל. אויך האָט מען איבערגעגעבן וועגן די גרויסע סכומים מיט געלט וואס ר' שלמה העלבראנץ האט ארויסגעשנאָרעט פון אידן תמימים דורך פארשידענע שקרים, ווי אויך וועגן דעם וואס ער פרעדיגט אריין אין די מוחות פון די יונגע קינדער וואס לערנען אין זיינע מוסדות, וועגן שדים און קליפות רח"ל, און אזוי רעדט ער איין די דאזיגע יוגנטליכע צו שיידן זיך פון זייערע עלטערן. די עלטערן פון די דאזיגע קינדער וויינען און שרייען אז די קינדער האבן זיי פארלאזט, און דאס פארשאפט פאר העלבראנץ א גרויסן נחת רוח. פיל מער ווי מיר ברענגען דא אראפ זענען די גביית עדות'ן וואס כ"ק אדמו"ר שליט"א האט געהערט, ביז ער האט זיך אויסגעדריקט אז אזא סארט נשמה

כאפער ווי העלבראנץ האט מען נישט געזען צווישן חרדי'שע אידן שוין הונדערטער יארן.

הערנדיק די דאָזיקע געשיכטעס, האט כ"ק אדמו"ר שליט"א, ווי זיין שטייגער איז מאז ומקדם, בדרכי נועם ובדרכי שלום, זיך געווענדן צו הרב העלבראנץ מיט א בריוו. ווען די שליחים זענען געקומען מיט'ן רבינ'ס בריוו, האבן העלבראנץ'עס גבאים נישט געוואלט ארייננלאזן די שליחים צו אים, און האבן זיי פארשעמט און געשלאגן אן קיין שום אורזאך. די שליחים האבן באלד פארלאזט דאס פלאץ, און נאך צוויי טעג זענען עטלעכע היימישע יונגעלייט מבני קהילתינו ווידעראמאָל געגאַנגען אהין צו רעדן מיט זיי וועגן יונגעלייט וואָס זענען לעצטענס אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין זייער נעץ, יונגעלייט פון משפחות מיוחסות שבישראל, וואָס די עלטערן און אַנדערע פאַמיליע קרובים פאַרגיסן ימ'ען פון טרערן צוליב דעם גרויסן צער וואָס זייערע קינדער זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אהין און האָבן איבערגעריסן מיט זייערע משפחות.

אַזוי ווי זיי זענען אָבער אנגעקומען אַהין, האָט שוין איינער אינדרויסן פון די געביידע פון "לב טהור" באַמערקט אַז זיי זענען געקומען, און איז שנעל אַריינגעלאָפן מודיע זיין פאַר זייערע בריונים, וועלכע זענען באַלד אַרויסגעקומען מיט שטעקענס אין די הענט, בראש מיט זייער מנהיג בכבודו ובעצמו, און האָבן זיך גענומען שלאָגן די עסקנים מיט מכות נמרצות, און איינער פון די עסקנים האָט אַפילו געדאַרפט אפגעפירט ווערן אין שפיטאל מיט אַ צובראָכענע האַנט.

די עסקנים זענען געווען דערשטוינט און האָבן זיך אַליין נישט געקענט גלייבן זייערע אויגן, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך איינגעהאַלטן פון צוריקשלאָגן די טעראָריסטן, און האָבן בלויז געטאָן וואָס זיי האָבן געדאַרפט, כדי זיך אַרויסצוראַטעווען פון דאָרט מיטגאַנצע ביינער.

די בריונים פון "לב טהור" האָבן אָבער זיך נישט באַגנוגענט מיט די קלעפּ וואָס זיי האָבן געטיילט, נאָר האָבן אויסגעטראַכט אַ נידערטרעכטיגן בלבול קעגן אונזערע עסקנים, אַז זיי זענען געקומען שלאָגן אָדער אַנדערע געוואַלדטאַטן, וואָס זענען אין בפירוש'ן קעגנזאַץ צום דרך התורה און קעגן אונזער דרך פון שטענדיג אָן, ווי עס איז באַקאַנט (און יעדער קען זיך איבערצייגן אין דעם אמת, נאכדעם ווי זייער מנהיג איז פון דאָרט אַוועק מיט גאַנצע ביינער און עס האט מיט אים גאָרנישט פּאַסירט), און אוודאי אז עס איז נישט אונזער דרך צו גיין אין ערכות ח"ו, וואָס דאָס איז דאָך ממש אַ הרמת יד קעגן תורה משה רח"ל.

די בריונים פון "לב טהור" האָבן אָבער מוסיף געווען חטא על פשע, און זייער פירער אַליין האָט אונטערגעשריבן אויפן "סאמאנס" אין געריכט צו מסר'ן איינעם פון די חשוב'ע עסקנים ביי די פּאָליציי, וועלכע זענען טאַקע געקומען פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאָג נאַכט און אים אַרעסטירט, אַרויסלאָזענדיג אים נאָר פאַר אַ גרויסן סכום "בעיל".

זיין גאווה און חוצפה האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז אויך נאָך דעם ווי די גדולי דורינו שליט"א, ווי כ"ק אדמו"ר מוויזניץ, כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א, הגאון ר' יוסף ראָזענבלום שליט"א ראש ישיבת שערי יושר און הגאון אבד"ק יאקע שליט"א האָבן אים באַפוילן צו אַנטפלעקן פאַר די עלטערן וואו עס געפינען זיך זייערע קינדער, כדי זיי זאָלן זיך קענען פאַרבינדן מיט זיי, האָט ער זיך מתחצף געווען און איז נאָך אַלץ מסרב צו די גדולים, נישט וועלענדיג איבערגעבן פאַר די עלטערן וואו זייערע קינדער געפינען זיך, און אַזוי גנב'עט ער צו גאַנצע משפחות און פירט זיי אַריבער פון אָרט צו אָרט, אַז די עלטערן זאָלן נישט קענען באַגעגענען די קינדער.

ליידער, נאָך גאַנצע טעג און נעכט פון ביטערניש און עגמת נפש פון דריי חשוב'ע משפחות, וואָס מ'האָט פון זיי צוגע'גזל'ט זייערע זין און טעכטער אָן רחמנות, און נאָך די תחנונים און בקשות פון די גדולי הדור שליט"א צוריקצוגעבן די דאָזיגע קינדער צו זייערע עלטערן, איז זייער תשובה געווען דורך פּאשקעווילן אין אַלע גאַסן, פול מיט בזיונות און חירופים וגידופים קעגן די גדולי התורה. יעדער פאַרשטאַנדיגער מענטש וואָס זעט די פּאַשקווילן, וועלכע זענען אונטערגעשריבן אין נאָמען פון זייער קהילה און זענען געשריבן לויט די אָנווייזונגען פון זייער רבי'ן (ווייל אָן אים רירן זיי זיך נישט אפילו אַ זיז כל שהוא), קען זיך קלאָר איבערצייגן אין זייער נאַטור און עס ווייזט גוט וואָס זיי זענען, ווערנדיג באַצייכענט ביי די מאָנסיער אידן אַלס אַ "קולט", כידוע אַז דער כתב איז דאָס לשון פונעם הארץ, און אין דעם כתב פון אַ מענטש דערקענט מען זיינע תכונות הנפש.

דאָס אַלץ האָבן מיר געשריבן נאָר כדי קלאָר צו מאַכן די פרשה לאמיתה, און כדי יעדער זאָל זען אַפילו בלויז אַ טייל פון זייערע גראַנדיעזע שקרים און טעראָר שטיק. מיר זענען מתפלל אַז אונזערע ווערטער וועלן אויפשיינען

אין די הערצער פון חרדי'שע אידן, און די נאָכפאָלגער פון הרב העלבראַנץ וועלן תשובה טאָן, ויהי רצון שיתקדש ווערן שם שמים על ידינו.

התאחדות האברכים דקאשוי
מאנסי יע"א